w lokalu przy ul. gen. Sowińskiego 8 parter (Zabłonieńska)

Zarząd bóżnicy im. Debory Wechsler

zawiadamia, że począwszy od dnia 30 sierpnia rozpoczyna urzędować w sprawie przydziału miejsc na nadchodzące święta.

Uprasza się zatem P. T. Członków o zgłoszenie się najdalej do dnia 6 września po odbiór biletów w przeciwnym razie, miejsca będą bezwzględnie oddane nowozgłaszającym się reflektantom.

Urzędować się będzie codziennie od godziny 19·30—20 30 a w każdą niedzielę od godz. 16—20

עטופי אבל ויגון אנו מודיעים, כי חבר קבוצתנו האהוב

מרדכי דוד לאמת ז"ל נקטף בדמי עלומיו

ומביעים את השתתפותנו בצערם הגדול של הוריו.

קבוצת „עת לבנות" ע"י הסת' א. ה. ה. „עקיבא" בטרנוב

Wpisy i egzaminy do wszystkich klas Pryw. Gimn. Koed. Tow. „Safa Berura" w Tarnowie odbywać się będą w dniach od 26 sierpnia do 2 września br. włącznie w godzinach od 9—1 przedpoł. i od 4—6 popoł. Rozpoczęcie roku szkolnego nastąpi we czwartek 3 września o godzinie 9 rano.

WPISY do Prywatnej Koedukacyjnej Szkoły Powszechnej „Safa Berura" odbędą się **w niedzielę** — 30 sierpnia, **w poniedziałek** — 31 sierpnia i **we wtorek** — 1 września br. od godz. 9—1 przedpołudniem i od 4—6 popołudniu. Nauka rozpocznie się **we czwartek** — 3 września br.

Komitet Rodzicielski przy szkołach „Safa Berura" podaje do wiadomości, że uczestnicy II-go turnusu kolonji wrócą z Ciężkowic do Tarnowa **w niedzielę 30 sierpnia** o godzinie 9·50 rano. Bagaż będzie do odebrania tegoż dnia wieczorem w budynku szkolnym.

Wpisy. Żydowska Średnia Szkoła Gospodarcza Żeńska w Tarnowie przyjmuje wpisy na rok szkolny 1936/7 codziennie (prócz sobót) do dnia 2 września br. od godz. 11-tej przedpoł. do 2-giej popoł. w lokalu szkoły przy ul. Marcina 12-14.

Sławna artystka Dina Halpern w Tarnowie. Tylko dwa dni wystąpi u nas ulubienica publiczności Dina Halpern oraz jej partner S. Bronecki na czele ich zespołu, a to we czwartek 27 bm. w głośnej sztuce Malocha „Ofene ojgen" i piątek 28 bm. w przepięknej operetce „Królowa to ja", w których to sztukach odniosła wszędzie wielki sukces. Bilety w księgarni p. Seidena.

KOMISJA WYBORCZA
Gminy Wyzn. Żyd. w Tarnowie
dla wyboru Rady i Zarządu Gminy

L. dz. 1245/36/310. Tarnów, 27 VIII 1936

Obwieszczenie

Komisja Wyborcza Gminy Wyznaniowej Żydowskiej w Tarnowie

dla wyboru Rady i Zarządu Gminy

podaje do wiadomości publicznej na zasadzie § 45 Rozp. Ministra Wyznań Rel. i Ośw. Publ. z dnia 24 października 1930 r. (Dz. U. R. P. Nr. 75 z r. 1930, poz. 592), oraz zarządzeń Pana Ministra Wyznań Rel. i Ośw. Publicznego z dnia 30 maja 1936 r. i z dnia 30 lipca 1936 r. (Monitor Polski z 12 VI 1936 r. Nr. 135 i z dnia 10 sierpnia 1936 r.), że

w niedzielę dnia 6 września 1936 r.

odbędą się

WYBORY

na 20 członków i tyluż zastępców Rady Gminy Wyzn. Żydowskiej w Tarnowie,

a to w 8-miu lokalach wyborczych, w których oddadzą głosy:

1. **w szkole im. Słowackiego**, ul. Szpitalna, I piętro: wyborcy o nazwisku początkowych liter **A - B - C**
2. **w szkole im. Król. Jadwigi**, plac Wolności, parter: wyborcy o nazwisku początkowych liter **D - E - F**
3. **w szkole im. Barona Hirscha**, ul. Topolowa 2, I piętro: wyborcy o nazwisku początkowych liter **G - H**
4. **w sali Stow. Kupców**, ul. Goldhamera 3 (hotel „Astorja"), parter: wyborcy o nazwisku początkowych liter **I - J - K**
5. **w sali budynku miejskiego**, ul. Wałowa 22, I piętro, drzwi Nr. 5: wyborcy o nazwisku początkowych liter **L - M - N**
6. **w szkole im. Brodzińskiego**, ul. Brodzińskiego 6, parter: wyborcy o nazwisku początkowych liter **O - P - R**
7. **w lokalu Gminy Wyznaniowej Żydowskiej**, ul. Nowa 10, piętro: wyborcy o nazwisku początkowej litery **S**
8. **w sali ŻTGS. „Samson"**, ul. Mickiewicza 12, parter: wyborcy o nazwisku początkowych liter **T - U - V - W - Z.**

Głosowanie rozpocznie się punktualnie o godzinie 8-mej, a zakończy się o godzinie 20-tej, poczem lokal wyborczy zostanie zamknięty, jednak osoby, w owej chwili znajdujące się jeszcze w lokalu, będą mogły oddać swe głosy.

Wyborcy głosują osobiście i winni mieć przy sobie dokumenty legitymacyjne, stwierdzające tożsamość osoby i na żądanie Komisji wyborczej, Organów Zarządu Gminy i Organów państwowych winni je okazać.

Kartki wyborcze muszą być z białego papieru i nie mogą nosić żadnych znaków zewnętrznych, a winny zawierać tylko wypisany numer listy kandydatów, za którą wyborca się oświadcza.

Nieważne są kartki wyborcze, opatrzone podpisem lub jakąkolwiek oznaką, tudzież kartki próżne, nie zawierające numeru listy, lub zawierające oprócz numeru nazwiska kandydatów, lub jakikolwiek inny dopisek.

KOMISJA WYBORCZA
Gminy Wyznaniowej Żyd. w Tarnowie
dla wyboru Rady i Zarządu Gminy
Dr Mieczysław Menderer
Przewodniczący

Złóż datek na Państwowy Fundusz Obrony Narodowej

Ceny ogłoszeń: Strona 350 Zł, 1/2 str. 175 Zł, 1/4 str. 90 Zł, 1/8 str. 45 Zł, 1/16 str. 30 Zł, 1/32 str. 15 Zł. Przed tekstem 100% drożej. Drobne za słowo 30 gr
Prenumerata: Miesięcznie Zł 1·10, kwartalnie Zł 3·30, półrocznie Zł 6·60, rocznie 13.20. Prenumerata zagraniczna miesięcznie Zł 1·50

Wydawca i odpowiedzialny redaktor Chaim Friedman. Drukiem I. Engelberga w Tarnowie

Dodatek do „Tygodnika Żydowskiego“ Nr 33

טארנע, 28 אויגוסט 1936 י׳ אלול תרצ״ו

יידיש וואכענבלאט

ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין טארנע

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פל. קאזשימיעזשא 3 אפען פון 4 ביז 5

די קהלה — דער וועג צו נאציאנאלער קאנצענטראציע

פון דער ווייטענס

דער גורל האט געוואלט, אז אין דער צייט ווען דאס פוילישע יודענטום געפינט זיך אין מיטען וואהל-קאמף צו די קהלות, בין איך ווייט פון דעם פראנט און קאן ביי די קאמפען קיין אקטיווען אנטייל נישט נעמען. איך קאן נאר זיין א אבסערוואטאר פון דער ווייטענס און אויף גרונד פון מיינע ערפארונגען אין דער פארגאנגענהייט וויל איך פריוען אין עטליכע ווערטער צו צייכנען די ריכטליניען פארן קהלה-וועהלער אין טארנע איידער ער געהט צו דער אורנע אבגעבען זיין וואהל-צעטעל.

אויב איך האב מיך אויבען פאררופען אויף מיינע פריהערע פאליטישע ערפאהרונגען, האב איך דאס נישט געמיינט אין דעם זין, אז אמאליגע קהלה-וואהלען זאלען דינען אלס מוסטער, און אמאליגע פאראלען זאלען זיין מאסגעבענד פאר די איצטיגע וואהלען. פאליטישע ארבייט קאן נישט געטון ווערען לויט וועלכער ס׳איז פעסטער שאבלאן. אדרבא די אויפגאבע פון דעם פאליטיקער באשטעהט עבען אין דעם, אז ער שטודירט אויפמערקזאם אלע פאזען פונם פאליטישען לעבען אין דעם געגעבענעם מאמענט און באשטרעבט אריינצופאסען זיין אייגענע פאליטישע ארבייט אינם ראהמען פון דער אלגעמיינער לאגע ארום זיך. טאקע אין דעם זין וויל איך אויסנוצען מיינע ערפאהרונגען אין דער פארגאנגענהייט און וועל מיך באשטרעבען אז מיינע ריכטליניען פאר די איצטיגע קהלה-וואהלען זאלען זיין צוגעפאסט צו דער אלגעמיינער פאליטישער ריכטונג, וועלכע איז איצט פערפליכטענד פארן גאנצען יודישען פאלק אין פוילען.

ס׳איז איבריג צו בעטאנען, אז דאס פוילישע יודענטום געפינט זיך אין איצטיגען מאמענט אין א צושטאנד פון פערמאנענטער קריזע. ס׳איז אויך לײַדער א טרויריגע סאטיספאקציע פאר אונז ציוניסטען, אז דיווירקליכקייט האט באשטעטיגט די ריכטיגקייט פון אונזער פאליטיק. נאך פריהער, ווי מיר האבען עס אליין ערווארטעט, האבען די אלע יודישע פאליטיקער, וועלכע האבען געפרעדיגט דאס אנלעהנען זיך אן וועלכע ס׳איז נישט-יודישע פאליטישע פארטייען, דערלעבט די ביטערסטע ענטטוישונג. די שענסטע דעמאקראטישע פראגראמען סיי פון רעכטס סיי פון לינקס זענען צוזאמענגעבראכען ווי קארטען-הייזער, אין מאמענט ווען זיי האבען זיך אנגעשלאגען אן דער יודען-פראגע. די אזוי גערופענע „ארטאדאקסיע“ — דער באגריף אלס זאלכער איז דעם יודישען וועזען לגמרי פרעמד און געפינט זיך, נישט מיט רעכט אין דער יודישער פאליטישער טערמינאלאגיע — און איהרע פיהרער, וועלכע האבען פארשווענדעריש פארשענקט אלע פאליטישע אוןווירטשאפטליכע פאסטולאטען פונם יודישען פאלק, כדי — ווי זיי האבען געפריווט איינרעדען דעם המון — צו בעפעסטיגען און צו דערהאלטען בלויז דעם איינציגען רעליגיעזען פאסטולאט, האבען עס דערלעבט, אז איין פריסטאראווא האט געקאנט אין באוועגונג זעצען דעם גאנצען געזעצגעבענדען אפאראט און דורכברעכען די דאזיגע לעצטע באריערע פון דער יודישער „ארטאדאקסיע“. פון דער אנדערער זייט איז געשטאנען דער „בונד“ מיט די סאציאליסטישע עשרת הדברות און לאזונגען וועגען סאלידארישען קאמף פון יודיש-פוילישען ארבייטער געגען די בשותפותדיגע אויסנוצער, אבער א קרעפטיגער פוסטריט פונם אנדערען צד האט דעם „בונד“ נעבעך אזוי ווייט צוריקגעשטויסען, אז ער האט אזש פלוצלינג צוריקגעפונען דעם וועג — צו דער יודישער קהלה... (וואס וועלען דערצו זאגען די פוילישע „חברים“ זעהענדיג די רויטע בונדיסטען אין אזא שווארצער בורזשואזנער-קלעריקאלער אינסטיטוציע?) דער פוילישער פויער האט אין זיין קאמף געגען קאפיטאליזם פליצלינג דערזעהען דעם יודישען סטראגאניארזש און דער פוילישער ארבייטער האט דערווייל פארגעסען די בונדישע תורה וועגען פראלעטארישער סאלידאריטעט און שטויסט ארויס דערווייל זיין בונדיסטישען „חבר“ פון די ארבייטס-פלעצער.

וואס דארפען מיר טוען

נאך דער טרויריגער קאנסטאטירונג, אז א דאנק דער פאלשער פאליטיק פון די אזויגערופענע „פאליטיקער“ פון רעכטס און פון לינקס געפינט זיך אצינד דאס יודישע פאלק אין פוילען אין א שווערער קריזע, מוזען מיר זיך שטעלען די פראגע: וואס האבען מיר אצינד צו טהון? די איינציג מעגלעכע תשובה אויף די דאזיגע פראגע איז: **קאנצענטרירוג פון אלע פארהאנדענע יודישע כחות**, כדי אבצוווערען די אנגריפען פון דרויסען און צו פערטיידיגען די פאזיציעס, וועלכע מען וויל ארויסרייסען פון אונזערע הענד. עס איז איצט נישט די צייט אנצולעגען גרויסצוגיגע פלענער און אויסצוארבייטען רייכהאלטיגע פראגראמען. דאס איינציגע פראגראם פארן פוילישען יודענטום אין איצטיגען מאמענט איז **פערטיידיגען** זיינע רעכט און **זיכערען זיין עגזיסטענץ-מעגליכקייט**.

דער איינציגער פלאץ פאר דער זאמלונג פון יודישע כחות, פאר דער קאנצענטרירונג פון אלע פאזיטיווע ווערטען וועלכע זענען פארהאן אין יודישען פאלק, איז **די יודישע קהלה**. דאס איז די איינציגע, ווען אפילו זעהר באשרענקטע אויטאנאמישע יודישע אינסטיטוציע, וועלכע עס גאראנטירט אונז די קאנסטיטוציע. אין דעם דאזיגען ענגען ראהמען פון אויטאנאמיע מוז דאס יודישע פאלק אין פוילען זיך אויסלעבען **יודיש** אינם פולסטען זין פון דעם ווארט. דא באדארף זיך קאנסערווירען זיין היסטארישע נאציאנאלע אייגענארט, דא באדארף צו זיין דאס דאס צענטרום פונם יודיש-קולטורעלען שאפען. דא דארף זיין דער זאמעל-און אויסגאנגספונקט פון דער יודישער פילאנטראפיע; מיט איין ווארט: — די קהלה מוז — אויב זי זאל דערפולען איהר אויפגאבע — ענטהאלטען אין זיך דעם תמצית, די קווינטעסענץ פונם יודישען לעבען.

דער פרימיטיווער חוב

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז אויב מען רעדט פון א קהלה אלס א **אויטאנאמער** יודישער אינסטיטוציע, איז עס פאר אלעם דער פרימיטיווסטער חוב פון א יעדען פעראנטווארטליכען און בעוואוסטען יוד אבצוהיטען ווי אן אויג אין קאפ דעם אויטאנאמען כאראקטער פונם קהל. עס טאר נישט דערלאזט ווערען א צושטאנד פון קאמיסאריאטס-ממשלות, ווייל די ערגסטע אויטאנאמיע איז אלץ נאך בעסער ווי א קאמיסאריאט, וועלכער האט מיטן פאלק קיין שום קאנטאקט נישט און איז פונם פאלק נישט אבהענגיג און פאר אים נישט פאראנטווארטליך. — א ווייטערע בעדינגונג איז פאר דעם שטארקען דעם כח פון דער קהלה און פאר דעם דערהויבען פון איהר פרעסטיזש, אז קיין שום כלל-יודישע אונטערנעהמונג זאל נישט געמאכט ווערען אויסער די ראמען פון דער קהלה. צי וועט עס זיך האנדלען וועגען פילאנטראפישע אדער קולטורעלע ארבייט, צי וועט מען ברויכען א פאליטישע אדער א רעפרעזענטאטיווע מאניפעסטאציע, פאר אלעם מוז זיין פלאץ אין דער קהלה און פון דארט דארף ארויסגעהען אלעס וואס האט א שייכות מיט יודענטום אין יודישקייט.

צו דעם צוועק ובפרט אין דער צייט פון ערנסטע סכנות פארן קיום פונם יודישען פאלק וואלט עס געוועזען נויטיג און ווינשענסווערט, אז די וואהלען צו די קהלות זאלען פארקומען אין א אטמאספערע פון שלום און פאראייניגונג פון אלע פארטייען. דער פאקט אליין פון אזא בורגפרידען וואלט געוועזען אויך כלפי חוץ א דעמאנסטראציע פון אומגעהייערער וויכטיגקייט. די מאסגעבענדע פאקטארען וואלטען דארין געזעהען דעם בעסטען באוויז, אז ס׳איז אנגערירט געווארען דער לעבענס נערוו פונם יודישען פאלק און מיט אזא געפיהלס-דעמאנסטראציע פון א געאייניגט דריימיליאנען-פאלק וואלט מען זיך nolens volens דאך געמוזט רעכנען. — אויך דאס טאר מען נישט פארגעסען, אז אזא געלעגענהייט וועט זיך אין פוילען אזוי שנעל נישט ווידערהאלען. נאר **איינמאל** אין מעהרערע יאהרען ווערען אלע פוליעהריגע יודען אין פוילען גערופען צו דער אורנע, וואו זיי קאנען **אליין**, נישט צוזאמען מיט אנדערע, בולט ארויסזאגען די מיינונג פונם יודישען פאלק אין פוילען און עס וואלט געוועזען א גליק און א גרויסע לייסטונג, ווען די פוילישע יודען וואלטען געוועזען פאליטיש גענוג רייף, כדי זיך צו דערהויבען צו אזא איינשטיגער מאניפעסטאציע.

לײַדער...

לײַדער אבער האבען מיר די דאזיגע הויכע מדרגה פון פאליטישער רייפקייט נאך נישט דערגרייכט. לײַדער מוזען מיר זיך דערמיט רעכנען, אז — נישט רעדענדיג שוין פון „בונד“ וועלכער לייקענט דאך אפען אב א יעדען צוזאמענהאנג מיטן יודישען פאלק אלס גאנצקייט — וועלען אויך ביי די איצטיגע וואהלען נישט אויפהערען צו עקזיסטירען די אלע קלויזען און קלייזלעך, וועלכע וועלען זיך באמיהען צו שפאלטען די יודישע וועהלערשאפט אויפן יסוד פון קינסטליכע „פראגראמען“, אונטער וועלכע עס זענען נאר באהאלטען פערזענליכע אמביציעס און פערזענלעכע פארטייען אין דערפאר — בעת ווען די „פיהרערס“ זענען גאר פערפיהרערס און געבען דער מאסע נישט די געהעריגע אריענטאציע — מוז דער פאליטיש בעוואוסטער וועהלער זיך אליין אריענטירען און אבגעבען זיין שטימע אויף אזא ליסטע, וועלכע גיבט איהם די בעסטע גאראנטיען דערפאר, אז איהר פראגראם ענטהאלט אין זיך די **נאציאנאלע קאנצענטראציע**, וועלכע איז אין דער איצטיגער צייט נישט בלויז א פונקט

קיין איינציגע שטימע פאר דער ליסטע פון דער אגודה־קליקע!

אין פראגראם נאר טאקע באמת דאס פראגראם פארן גאנצען יודישען פאלק.

אז דער קהלה וועהלער אין טארנע געהט איצט צו דער אורנע וועט ער נישט דארפען לאנג איבערלעגען פאר וועלכער ליסטע ער זאל אבגעבען זיין שטימע. די פאליטישע פערהעלטנישען אין דער יודישער גאס פון טארנע זענען אזוי קלאר און איבערזיכטליך, אז פארן וועהלער איז די אריענטאציע גאר נישט שווער, די שטרעבערס, וועלכע פאבריצירען „פארטייען" און בעדינען זיך מיט קלינגענדע נעמען און סטאמפיליען, כדי אויסצונארען ביי נאאיווע וועהלער מאנדאטען און כבודים, לאזען זייערע פערזענליכע אינטערעסען און זייערע אמביציעס אזוי בולט דערקענען, אז א יעדער האלבוועגס אריענטירטער וועהלער וועט זיך נישט לאזען פאנגען אין זייער נעץ.

די איינציגע ערנסטע ליסטע

בלייבט אלזא נאר איבער די איינציגע ערנסטע ליסטע פון די פאראייניגטע ציוניסטישע פארטייען: סתם-ציוניסטען, „מזרחי" און רעוויזיאניסטען, וועמענס פראגראם איז זייט צענדליגער יאהרען אלגעמיין באקאנט און די ליסטע דארף ארום זיך פאראייניגען אלע שטימען פון אמת'דיג יודיש און ערנסט דענקענדע וועהלער. די נאציאנאלע קאנצענטראציע פונם גאנצען יודישען פאלק איז פונם ערשטען אויגענבליק אן דער הויפט-פראגראם-פונקט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דאס ציוניסטישע פראגראם, פאר וועלכען מיר האבען געקעמפט צענדליגער יאהרען, איז איצט א דאנק דער לעקציע, וועלכע די רויהע ווירקליכקייט האט אונז געגעבען, געווארען דער קנין פונם גאנצען יודישען פאלק, אזוי, אז עס בעדארף שוין נישט קיין אגיטאציע און קיין אידעען-קאמף, כדי די וועלט צו איבערצייגען פון זיין אמת און זיין ריכטיקייט.

אינצט האנדעלט עס זיך נאר, אז דער וועהלער זאל זיך נישט לאזען פארפיהרען אויף פאלשע וועגען דורך מאנדאטען-יעגערס און שטרעבערס פון אלע מינים.

ווער עס וויל דורכהאלטען דעם שווערען קריזים, אין וועלכען מיר געפינען זיך, ווער עס וויל באמת די נאציאנאלע קאנצענטראציע אין דער קהלה — דער וועט אבגעבען זיין שטימע אויף די פאראייניגטע ציוניסטישע ליסטע נר. 1 דער נצחון פון דער דאזיגער ליסטע וועט זיין דער נצחון פון דער אידעע פון א אייניג און פאראייניגט שטארק יודיש פאלק.

חיים ניינער

דאס צביעות פון דער אגודה

• עס דערנענטערען זיך ענדליך — נאך אזויפיל יאהרען קאמיסארישער ממשלה — די וואהלען צו דער קהלה. ווי עס איז געווען פארויסצוזעהען, זענען אריין געטראגען געווארען 10 וואהל-ליסטען פון פארשידענע פארטייען און פארטייעלעך, און א גאנץ נישטקשה'דיגער צאהל בענקעל-זוכער.

ביי אזא שפע פון וואהל-ליסטען און קאנדידאטען איז דעם פשוטן אונפארטייאישען יוד שווער זיך צו אריענטירען אויף וועלכע ליסטע צו שטימען, דערפאר וויל איך דעם סתם-יוד אביסעל אויפקלערען און געבען אים די מעגליכקייט זיך צו אריענטירען און צו געפונען דעם דרך הישר.

עס איז קלאר, אז אין דער קהלה דארפען זיין מענשען ערליכע, וועלכע האבען א גוטען ווילען און פעהיגייטען צו ארבייטען לטובת הכלל. זאל זיך אלזא דער פשוטער יוד שטעלען די פראגע: אין וועלכען לאגער געפינט מען אזאלכע אנשי חיל?

די ערליכע תשובה קען נישט זיין קיין אנדערע ווי נאר: אין דער ציוניסטישער מחנה, דארט קאנצענטרירען זיך די בעסטע, פעהיגסטע יודישע כוחות.

דען ווער באשעפטיגט זיך מיט ריין יודישע פראגען? ווער אינטערעסירט זיך מיט יודישעד נויט, מיט יודישע פערפאלגונגען אין דער גאנצער וועלט ווי נאר יודען געפונען זיך, הן אין גלות והן אין ארץ ישראל?

ווער האט זיך באשעפטיגט מיט יודען און געקעמפט מיט מסירות נפש געגען אנטיסעמיטיזם בשעת דער וועלט-מלחמה און דערנאך ביז דעם היינטיגען טאג על כל צרה שלא תבא? ווער שאפט נוצליכע אינסטיטוציעס אין דער גאנצער וועלט פאר יודען? ווער ארבייט פארן אויפבוי פון ארץ ישראל? ווער האט געשאפען די באלפור-דעקלאראציע?

און דערפאר, ווען מיר ווילען שאפען א לעבענספעהיגע עכט יודישע קהלה, מוזען מיר קומען צום זעלבען מקור.

עס ווייסען איבריגענס אמבעסטענס די טארנער יודען, אז די ציוניסטישע ווירטשאפט אין דער קהלה איז געווען די ערליכסטע און די בעסטע — און אזוי ווי די געגנער פון ציוניסטישען בלאק האבען אים גארנישט זאכליכעס פארצוווארפען, האבען זיי שוין א פערטיג אויסגעפריווט מיטעל מיט וועלכען עס בענוצען זיך די שונאי-ציון ביי יעדע געלעגענהייט: „פרומקייט" — „פלשתים עליך ישראל", די ציוניסטען ווילען די קהלה טרפה'נען און דערפאר זענען זיי אסור לבא בקהל. דערמיט ווילען זיי טרעפען דעם נאאיווען יוד, וועלכער פארשטייט זיך נישט אויף די פארשידענע שמד-שטיקלעך. ליתר תוקף ברענגט מען אהער דעם פוסק האחרון, א פריש-געבאקענעם אגודה-צדיק (ביי די פריהעריגע וואהלען האט ער נאך אגיטירט אלס פשוטער בשר-ודם), וועלכער פסק'נט, אז צו וועהלען געגען „די פרייע" און פאר דער אגודה איז וויכטיגער ווי צו גיין צו כל נדרי.

איך וויל אייך, ליבער פרומער יוד, בולט באווייזען זייער צביעות און שקר; אז נאר השנאה, הקנאה והתאוה צום קהלה-בענקעל מדברת מתוך גרונם.

עס דערמאנט מיך א מעשה: נאך ביי די ערשטע סיים-וואהלען האבען אזאלכע 3 צדיקים זיך געסטארעט ביי אונזער רב הגאון מהר"מ אראק זצ"ל, ער זאל זיי געבען א בריף, אז פרומע יודען טארען נישט וועהלען א יודיש-נאציאנאלען יוד אין סיים אריין. מען איז געקומען צו מיר, איך זאל דערצו נישט צולאזען. קומענדיג צום רב ז"ל, זעה איך ווי די מענשען זענען אים מפציר און דער רב ווערט זיך דאגעגען. פאר מיר האבען זיך די לייט געהיטען און זענען שטילער געווארען. דער רב ז"ל דערזעהענדיג מיך איז אים אביסעל לייכטער געווארען און האט זיר פאר מיר פארקלאגט, אז די „קדושים" מוטשען אים שוין א צייט, זאגען אים צו גאלדענע בערג און דער עיקר, אז ער וועט מיט אזא בריף מקדש השם זיין און אבוועהרען די יודען פון שמד חו"ש.

איך האב באקומען מוט און זאג: „רבי! אין בין גענוג בעל דרך-ארץ צו וויסען, אז איך דארף ביי אייך א סך לערנען און דארף אייך עצות פרעגען און נישט איך זאל אייך עצות געבען, נאר אזוי ווי עס האנדעלט זיך אין הלכות צביעות ושקר, דא אבער, אין די דאזיגע הלכות, זענט איר נישט קיין בר-סמכא און דער רבי וועט מיר דערלויבען, אז איך זאל אים אויפקלערען: זעהט איר, רבי, דעם יוד מיט די דיוקנא קדישא און ירא-שמים פנים'על, דער האט אייך, רבי, פארקויפט אין ווארשע, צוזאגענדיג צו ברענגען פון אייך אזא בריף, דאמיט וועט ער די דאמאלסדיגע רעגירונגס-פארטיי העלפען און אזוי אויסנארענדיג די ממשלה ווי אייך, רבי, וועט ער דא באקומען דעם זאלץ-מאנאפאל.

דער צווייטער האט מיט דיזעלבע מיטלען אויסזיכט צו באקומען פאר זיך א פארדינסט אין קראקע.

דער דריטער ווידער, האט אייך שוין גאר ביליג פארקויפט, שוין פאר בלויז דירה געלד, דען דער קאנדידאט איז גראדע זיין בעל הבית.

אזוי, אז יעדער פון די „צדיקים" — וואס איך וויל נישט פורש בשמותם זיין — האבען איינציג אליין אין זינען זייערע פריוואטע אינטערעסען און אייך נארען זיי אויס".

דאס זעלבע איז מיט דער אגודה געזעלשאפט בנוגע דער קהלה און דאס וויל איך מיט אותות ומופתים באווייזען, אז עס האנדעלט זיך נישט אין פרייע — נישט פרייע, נאר אין תאוה און כבוד און ביי געלעגענהייט אויך אביסעל געלט.

ווער ווייסט דען נישט, אז אין דער צייט ווען ר' חיים אבערדאם איז געווען ראש הקהל און פרנסים זענען געווען כמעט לויטער חסידישע יודען, אט טאקע דעמאלט האט זיך די אגודה געפארעט אין די פארצימער, אז דווקא דר. קליין זאל זיין אין דער שפיץ. א פרייער אנשטאט א חסיד.

עס איז קיין סוד נישט דאס אויך ביי די היינטיגע וואהלען האט די אגודה איינגעלעגט וועלטען, אז דער זעלבער פרייער זאל דורכאויס קאנדידירען און אזוי ווי דערזעלבער האט נישט געוואלט אויסזיכטסלאז זיין קאנדידאטור צום קהל אויפשטעלען, האט מען אים צוגעזאגט א אנדערען שכר פאר זיין ארבייט — און אלס ערזאץ אויפגעלעבט די ליסטע עהרליך-לייב. אויס מורא אבער פאר די פרייע, ווערט באקעמפט די ליסטע פון ר' חיים אבערדאם און ר' מיכל שניידער און אונטערשטיצט ה' עהרליך-לייב. — נו, ווער וועט דען חלילה חושד זיין די אגודה אין צביעות און שקר?

פרומע יודען! דא האט איהר דעם בולטן באווייז, צו די כונה איז פרומקייט!

דאגעגען אבער איז א טאטזאך, וואס יעדער ערליכער יוד, וועלכער איז באקאנט אין די קהלה ענינים, וועט מודה זיין, אז אין דער צייט פון דער ציוניסטיש-מזרחיסטישער קהלה-ווירטשאפט איז אממייניסטען און אמבעסטען בעזארגט געווארען דוקא די רעליגיעזע הצטרכות'ן. דערפאר האט געזארגט דער מזרחי מיט דער הילף פון די ציוניסטען און אלע ביז דעמאלט פארנאכלעסיגטע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען זענען געארדענט געווארען על הצד היותר טוב.

וואלטען מיר מזרחים געהאט דעם מינדעסטען חשד, אז דער כאראקטער פון דער רעליגיעז-נאציאנאלע קהלה וועט דורך ציוניסטען ליידען, וואלטען מיר נישט מיט זיי קיין איין מינוט צוזאמען אין דער קהלה געארבייט. מיר זענען איבערצייגט, אז די ציוניסטען העלפען נאר בויען, ואין חכם כבר נסיון. וואלטען מיר געזעהען א טענדענץ צו ווירקען חו"ש אין דער קהלה געגען דת, פערפליכטען מיר זיך זאפארט צו זיין אין דער אפאזיציע. אבער לא תקום ולא תהי' ווי די פראקטיק פון יאהרען צוזאמענארבייט אין דער קהלה האט באוויזען.

אזוי איז בעזארגט געווארען אויפן בעסטען אופן דאס שפיטאל, בית זקנים, „צדקה", בית יתומים, גמילת חסדים קאסע. פון אמת'ן תורה שטאנדפונקט זענען די אויבן דערמאנטע ענינים אזוי וויכטיג ווי כשר פלייש עסען און עירובין.

אין ריין רעליגיעזע ענינים ווי כשר פלייש, אז מען זאל נישט פארקויפען אנשטאט כשר — טרפה פלייש, האט זיך די ציוניסטיש-מזרחיסטישע קהלה מעהר מיה געגעבען און נאך שווערע ארבייט מיט ערפאלג איינגעפירט כשרע יאטקעס.

א אונארדנונג האט געהערשט מיט די עירובין. יעדען פרייטאג איז געווען צו טון מיט איבערגעריסענע עירובין, וועלכע זענען נישט פאכמעניש, נאר בטלניש געמאכט געוועזען. ערשט מיר האבען מיט גרויסע קאסטען די ערובין געארדענט.

צוליב מאנגעל פון א גוט איינגעארדענטען בור פאר די מקואות איז תמיד געוועזען שאלות און ספקות. ערשט מיר האבען מיט גרויסע קאסטען דאס מתקן געווען.

ווער, אויב נישט דאס ציוניסטישע קהל, האט געבראכט קיין טארנע דעם גאון און צדיק הרב אראק זצ"ל.

מיר האבען געזארגט, אז עס זאל זיין א ישיבת הדיינים, א בי"ד שטוב, ווי עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל.

מיר האבען געגעבען די איניציאטיוו אויפצובויען די תלמוד תורה. אהן אונזער מיטהילף וואלט נאך היינט געשטאנען א חורבה און די תלמוד תורה וואלט שוין לאנג בטל געווארען.

אפילו אז די יונגלעך פון דער פרעמד, וואס זיצען און לערנען, זאלען האבען ווי צו שלאפען, האבען אויך מיר און נישט קיין אנדערער געזארגט.

איך וויל דערמיט נישט בעהויפטען, אז מיר זענען די פרומסטע, נאר אז מיר זענען די ערליכסטע, פאראנטווארטונגספולסטע און די פעהיגסטע. דאס ווייסען דאך אלע, וואס ווילען וויסען דעם אמת. דערפאר האב איך נישט קיין מורא פאר די אלע פלאפלערייען פון די צבועים, שקרנים, המתעטפים באדרת שער למען כחש, נאר איך האב רוהיג פארטרויען צו די טארנער וועהלער, אז אין דעם טאג פון די וואהלען וועלען זיי שטימען פאר דער ליסטע פון ציוניסטישען בלאק נר. 1

וואלף געצלער

צו באקעמפן מיר די „ארטאדאקסיע"?

מיר שרייבען „ארטאדאקסיע" מיט גענזעפיסלעך, ווייל נאר וועגען דער מכלומר'שטער ארטאדאקסיע ווילען מיר איצט רעדען דען דער טייל באפעלקערונג, פאר וועלכע די רעליגיע איז א הייליקייט און לעבענסאינהאלט, דער טייל בילדעט בכלל נישט קיין שום פאליטישען לאגער און איז איבערהויפט נישט קיין פרינציפיעלער געגנער פון ציוניזם. יודען באמת פרומע זעהען מיר אין דער יודישער גאס צווישען אלע פאלקס-שיכטען. עס זענען פארהאנען פרומע סוחרים, פרומע בעלי מלאכה, אפילו פרומע ארבייטער און נישט זעלטען איז אויך דער טיפ פון א פרומען יודישען אינטעליגענט. יעדער דריקט נאטירליך אויס זיין רעליגיאזיטעט און פרומקייט אויף זיין שטייגער. פארשטייט זיך, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט אין איהרע רייען א גאנץ באדייטענדע צאהל פרומע יודען אין די „מזרחי", וועלכע שטייען מיט זייער פרומקייט גאר נישט נידריגער ווי דער פרומסטער פון „קלויז" און „אגודה".

קיין שום באמת פרומער יוד פארלאנגט אבער נישט עפיס א לוין פאר זיין פרומקייט, די יודען וועלכע שטעלען ארויס די תורה און דת אלס פאליטישע קאמפס-פאראלע, דאס זענען פשוטע צבוע'קעס, וועלכע אונטער דער מאסקע פון רעליגיע שטרעבען ווי צו גאנץ נידריגע, קאנקרעטע, בכלל נישט הימעלדיגע צילען...

אויב איהר וועט גוט באטראכטען איבעראל די דאזיגע „רעליגיעזע פאנאטיקער" וועט איהר זיך איבערצייגען, אז דאס זענען פשוטע אינטריגאנטען און קאריערע זוכערס, וועלכע מיט זייער „הייליגען קאמף" זענען זיי נאר מחלל את השם. א באמת פרומען יוד נעמט אן א ציטער פאר זייערע מעשים, און מיט אבשיי ווענדעט ער זיך אב פון די דאזיקע העלדען, וועלכע זענען נאר אויסען זייערע פריוואטע אינטערעסען.

יעדער פאנאטיזם קאן צוואר ברענגען צו שלעכטע רעזולטאטען, נור טאמער האבען מיר אבער צו טוען מיט א פאנאטיקער פון א געוויסער אידעע אדער אמונה, מיט א פאנאטיקער א עהרליכען, אויפריכטיגען און טיפגלויבענדיגען, מוזען מיר בויגען דעם קאפ פאר איהם מיט דרך ארץ, אלס א מענש וועלכער איז טיף איבערצייגט אין דעם אמת פון זיינע פרינציפען. אזא פאנאטיקער דארף מען אויפקלערען און איבערצייגען.

אונזער רעליגיעזע פאנאטיקער, די גרויסע מארטירער פאר דער יודישער אמונה זענען געוועזען און וועלען זיין דער שטאלץ פון גאנצען יודענטום. זיי זענען אומגעקומען אויף קדוש השם אויף די שייטערהויפענס און מיט „שמע ישראל" האבען זיי אויסגעהויכט זייער נשמה פאר דעם יודישען דת. זיי זענען דורכגעגאנגען די גרעסטע צרות און מאטערנישען. זיי האבען מקבל געווען באהבה די שרעקליכסטע פיינונגען און פארפאלגונגען, ווייל טיף געגלויבט האבען זיי, הייליג איז זיי געוועזען דער יודישער דת, טייער איז זיי געוועזען די יודישע תורה.

היינט האבען מיר אויך א זאלכע יודען. דאס זענען אבער

1 אלע רעליגיעזע יודען שטימען פאר דער ליסטע פונם ציוניסטישען בלאק נר. 1

נישט די "מאכערס", וועלכע אויסערליך ווייזען זיי זיך פאר פרומע און אין הארץ טראגען זיי שקר און בעטראָג.

פעהיג צו אלע געמיינע מעשים ברענגען זיי נאר שאדען און בזיון דעם יודישען פאלק, ווייל אונזערע שונאים קלייבען זיך תמיד אויס די ערגסטע פון אונז, בכדי זייערע מעשים ארויפצולעגען אויף דער גאנצער יודישער באפעלקערונג.

און איצט איז א וואונדער אז די אזויגערופענע "ארטאדאקסיע" קלויבט זיך אויס אלס אפוטרופסים, מענשען, וועלכע האבען קיין שום שייכות נישט מיט יודישע רעליגיע? עס גענוגט בלויז צו זיין א געגנער פון ציוניזם קאן מען שוין ווערען נישט נאר בלויז א געטרייער בן-ברית נאר א אנגעזעהענער פיהרער פון דער "ארטאדאקסיע". מעגסט שפייען אויף יעדע רעליגיאזיטעט, מעגסט צערייסען אלע פּעדים, וועלכע פארבינדען דיך מיטן יודענטום, טאמער ביזט דו נאר א שונא-ציון, קאנסט דו שוין זיין א ליבער חבר און א בכבוד'יגער רעפרעזענטאנט פון דער "ארטאדאקסיע". דער עיקר זאלסט דיך נאר גוט אויסקאנען אין מסירות אויף ציוניסטען ביים פריץ, זאלסט דיך גוט אויסקענען אין הלכות בגידה פון יודישע פאלקס-אינטערעסען.

די דאזיגע "ארטאדאקסיע" האט פיינט די ציוניסטען, ווייל מיר ציוניסטען דעמאסקירען זיי אויף שריט און טריט, מיר ווייזען דעם פאלק זייער פרצוף, מיר רייסען פון זיי אראב די מאסקע פון הייליקייט און בזה האופן פארשליסען מיר זיי דעם וועג צו דער ממשלה אין דער יודישער גאס, וועלכע דינט זיי פאר א גוט מעלקענדיגע קוה...

די אָטאָ "ארטאדאקסיע" וועלען מיר באקעמפען מיט דער גרעסטער עקשנות ביי דער איצטיגער וואהל-אקציע. עס וועט נישט העלפען, אויב אויף דער ארטאדאקסישער ליסטע געפונען זיך אויך ארענטליכע מענשען, ווייל דער, וואס פארבינדעט זיך מיט אינטריגאנטען, מוז אויך אלס א זאלכער באטראכט ווערען.

כל זמן די באמת פרומע יודען וועלען זיך נישט עפענטליך אבזאגן פון די דאזיגע אפוטרופסים, וועלכע רעדן און טוען אין זייער נאמען, כל זמן זייער רעליגיאזיטעט איז א פראבלעמאטישע און שטייט אונטער א גרויסען פראגע-צייכען. אזוי לאנג וועט אויך אונזער קאמף מיט דער "ארטאדאקסיע" זיין אומרחמנות'דיג און ריקזיכטסלאז.

ח"ה

—o—

די אויפגאבען פון דער קהלה

די איצטיגע וואהלען צו דער קהלה ווערען געפירט ריין און ערליך א דאנק דער דעצידירענדער השפעה פון די ציוניסטען און דער וואהל-קאמיסיע, וועלכע לאזען נישט צי צו קיין שום מאכינאציעס מיט וועהלער און קאנדידאטען ליסטען. די דאזיקע וואהלען וועלען געבען א אמת'ע רעפרעזענטאנץ פון דער גאנצער טארנער יודישער באפעלקערונג.

וועלכע זענען די אויפגאבען פון א יודישער קהלה אין די היינטיגע שווערע צייטען?

די ביז איצטיגע קהלה ערפולט לחלוטין נישט די אויפגאבען, וועלכע עס פארלאנגט די היינטיגע צייט. די ראהמען און באגריפען וועגען דער קהלה זענען געבליבען באשרענקט ווי מיט לאנגע יאהרען צוריק. אלץ ווייטער בלויז שחיטה, מקוה, בית הקברות, עירובין, רבנות א. ד. ג. אפשר איז דאס אמאל גענוג געוועזען. אבער היינט, בעת דעם ראדיקאלען איבערבוי פון דער גאנצער סאציאלער און קולטורעלער סטרוקטור פון דער יודישער באפעלקערונג, בעת איבער דער גאנצער וועלט האט זיך צעגאסען א שטורמישע פאלע פון אנטיסעמיטיזם און יודען ווערען ארויסגעשטויסען פון זייערע לעצטע ווירטשאפטליכע פאזיציעס — לאסטעט אויף דער יודישער קהלה, אלס איינציגע עפענטליך-רעכטליכע רעפרעזענטאנץ פון דער יודישער באפעלקערונג א סך גרעסערע און אומפאנגסרייכערע אויפגאבען.

די קהלה מוז ענטוויקלען א ברייטע אקציע פון סאציאלער הילף.

נישט בלויז געבען נדבות, נאר שאפען ארבייטס-און פרנסה מעגליכקייטען, ארויסהעלפען געפאלענע סוחרים און בעלי-מלאכות בכדי זיי זאלען ווייטער קאנען עגזיסטירען און לעבען פון אייגענער עהרליכער ארבעט און מיה. די קהלה האט אויך די אויפגאבע צו זארגען, אז די נאך יונגע און ארבייטס-פעהיגע בעטלער זאלען צוגעפיהרט ווערען צו א פראדוקטיווער פרנסה. דאס גאנצע ארימע אונטערשטיצונגסוועזען און בעזונדערס קמחא דפסחא און קוילען אקציע דארף רעפארמירט ווערען.

ארימע זקנים, קראנקע און יתומים און בכלל ארימע דארפען געפונען שוץ און הילף אין דער קהלה. עס דארף געשאפען ווערען א פאלקס-קיך, א הויז פאר דאכלאזע. דאס יודישע שפיטאל דארף גרינדליך רעפארמירט ווערען, ווייל די איצטיגע פערהעלטעגישען אין יודישען שפיטאל זענען ווייט פון צו זיין בעפרידיגענדע.

דער אונבעמיטעלטער קראנקער, וואס דארף נאך נישט דאס שפיטאל, זאל אויסער דעם אמבולאטאריום — אויך בעקומען רעצעפטען גאנץ בחנם אדער כאטש א צושטייער פון דער קהלה-קאסע.

דער מושב זקנים מוז פארגרעסערט ווערען, כדי צו קאנען אויפנעמען נייע זקנים, פאר וועלכע עס איז איצט נישטא קיין פלאץ און פאר אונהיילבארע קראנקע דארף בעשטימט ווערען א ספעציעל צימער.

די גמילת חסדים-קאסע עגזיסטירט כמעט שוין נישט מעהר. די דאזיגע קאסע וואס האט צעהנדליגער אין הונדערטער געפאלענע בעלי-מלאכות, קליינע סוחרים און קרעמער פשוט געראטעוועט פון גענצליכען אונטערגאנג — האט אויפגעהערט צו עגזיסטירען, זייט דער צייט ווען די "אונפארטייאישע" צוזאמען מיט די אגודה-פארזארגער האכען איבערנעמען די ממשלה אין דער קהלה. די דאזיגע אינסטיטוציע מוז ווידער געהעריג פונקציאנירען און ענטוויקלען א ברייטע אהנפראצענטיגע קרעדיט-טעטיקייט צווישען דער ארימער בעפעלקערונג, בכדי איהר צו דערמעגליכען ארויסצובעקומען פרנסה פון אייגענע ארבייטס-ווארשטאטען.

די רעליגיעזע ענינים דארפען ווערען באפרידיגט און באהאנדעלט ערנסט און עהרליך, אבער נישט אלס ענין פון מסחר און פאליטישע מאכינאציעס. די קהלה דארף באפרידיגען אלע באדערפענישען פון דער גאנצער יודישער באפעלקערונג, הן נאציאנאלע, קולטורעלע והן רעליגיעזע און סאציאלע.

ארץ ישראל שפילט היינט א קאלאסאלע ראלע אין לעבען פון א יעדען יוד. א יעדער יוד איז בלוטיג פארינטערעסירט, אז דער אויפבוי פון ארץ-ישראל זאל געהען וואס שנעלער און בעסער. דערפאר דארף די קהלה אויך זיך משתתף זיין אין דעם בוי.

די יוגענד וואס פארט קיין א"י מוז זיין געהעריג פארבעריייט צו איהר שווערער פיאנירישער מיסיע, וואס זי האט דארט צו ערפולען. דערפאר דארף די קהלה אנטייל נעמען און שאפען מעגליכקייטען פון הכשרה פאר דער דאזיגער יוגענד. די קהלה דארף אויך ערפילען וויכטיגע אויפגאבען אין ענין פון עמיגראציע קיין ארץ-ישראל און אויך אנדערע לענדער.

א גרויסע ראלע דארף די קהלה ערפולען אויפן געביט פון חנוך, הן פון דער מענליכער ווי אויך ווייבליכער יוגענד.

דאס יודישע שולוועזען הן רעליגיעזע והן וועלטליך-נאציאנאלע דארף ווערען געהעריג סובווענציאנירט. מיר מוזען האבען יודישע האנדעלס און האנטווערקער-שולען — שולען ווי מען זאל מקיים זיין דעם מאמר חז"ל טוב תורה עם דרך ארץ.

די תלמוד תורה דארף זיין א אינסטיטוציע פון א אלגעמיינעם כאראקטער. מען דארף דארט ארייננלאזען א ביסעל ליכט. עס דארפען דארט צוגעלאזט ווערען אויך למודי חול, בכדי דאס ארימע קינד זאל זיך שפעטער קאנען לייכטער א עצה געבען אין לעבען.

עס מוז אויך איינטרעטען א ענדערונג אין מעטריקאל-אמט. ווי אזוי עס איז ביז איצט געפירט ווייס א יעדער, וואס איז אמאל געקומען אין קאנטאקט מיט דעם אמט אין טארנע. קהל מוז טראכטען אז עס זאל א סוף נעמען מיט דעם אלעם.

דאס זענען די אויפגאבען פון א קהלח אין דער היינטיגער צייט און דאס איז דאס פראגראם פון ציוניסטישען בלאק נר. 1., וועלכער וועט אנשטרענגען אלע כוחות, בכדי דאס דאזיגע פראגראם צו רעאליזירען, אויב ער וועט האבען א מאיאריטעט אין דער יודישער קהלה.

מיר זענען זיכער, אז די יודישע וועהלער וועלען ווי תמיד שטיצען אונזער פראגראם און שענקען פערטרויען די פארשטעהער פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס, וואס קעמפען שטאלץ און מוטיג פאר די יודישע רעכט.

מ"ן

פון וואהל-יריד

נייע שטערנס

אויפן טארנער הימעל האבען זיך באוויזען נייע שטערנס. נייע אפוטרופסים ווילען באגליקען דאס טארנער יודענטום. ר' יהושע עהרליך, ר' יחזקאל פאסטראנג און ר' גבריאל גערסטען האבען זיך אנגעגארט די לענדען און רייסען איין וועלטען, בכדי צו באקומען א בענקעל אין קהל.

מילא ר' גבריאל גערסטען קאנדידירט שוין צום דריטען מאל. קיינער ווייסט צוואר נישט וואס ער זוכט דארט. ער וויל דאכט זיך האבען א חזקה צום... קאנדידירען און צום... דורכפאלען. צו קאנדידירען קען איהם קיינער נישט שטערען. אדרבא. זאל מען האבען אין די דאזיגע שווערע צייטען א גוט מאטעריאל צום לוסטיג מאכען, אבער צום דורכפאלען וועט ער נישט האבען קיין שווערע מיה. די טארנער יודען וועלען איהם דאצו מיטהעלפען. זיי וועלען פשוט אויף אים נישט שטימען און בעזהי"ת וועט ער אויך איצט בלייבען זיצען אין דער היים.

וואס זוכען אבער ר' יהושע עהרליך און ר' יחזקאל פאסטראנג? עס זעהט אויס, אז זיי האבען שוין גארנישט קיין אנדערע דאגות און דאס קהל-בענקעל פעהלט זיי פשוט צום בריאות. פארהאן פארשידענע תאוות אויף דעם עולם הזה. מאנכע האבען א תאוה צום עמוד-ברעטעל, צו ששי אדער צו א מזרח-שטאט מאנכע ווידער צו א כוסה, א קערטעל אדער צום מין היפה. ר' יהושע עהרליך און ר' יחזקאל פאסטראנג האבען א תאוה צום קהל-בענקעל און טאמער כאפט אן דער יצר הרע איז נישטא קיין עצה. פארפאלען. איבריגענס פארוואס נישט? אנשים חשובים תלמידי חכמים, בעלי צדקה, בעלי טובה. פארוואס זאלען זיי טאקע נישט זיין קיין פרנסים, פארוואס זאלען זיי טאקע נישט געהערען צו די פני העיר?

די טארנער יודען אבער זענען בעלי קנאה ר"ל. זיי פארגינען נישט קיין מענש אביסעל כבוד און פארגעניגען. זיי האבען נישט קיין פארשטענדניש פאר גרויסע פארדינסטען און קאנען נישט געהעריג אבשאצען ווערטפולע מענשען און דערפאר וועלען ר' יהושע עהרליך און ר' יחזקאל פאסטראנג נעביך מוזען בלייבען זיצען אין דער היים און ווייטער בלייבען פשוטע בשר-ודם'ס און זייער תאוה צום קהל-בענקל וועט נעביך נישט ווערן באפרידיגט.

די קהלה וואהלען און... כל נדרי

די אגודה שוויצט נעבעך אזוי ווי אין תמוז, רייסט איין וועלטען און ארבעט אויף אלע קעסעל-כלים. זי איז לא עלינו קראנק און שוואך, זי קנאפט זיך אבער די באקען, בכדי מען זאל מיינען אז זי איז געזונט און שטארק.

תורה און דת — ווער גלויבט זיי דען שוין היינט. עס איז שוין א ארגומענט וואס איז ארויס פון דער מאדע און פארלוירען די ווירקונג. אפילו אין זשענדזשין לאכט מען פון זיי און מען טרייבט זיי ארויס.

זיי האבען אבער דאך נישט קיין ברירה. אז מען האט נישט קיין נייע בעקעשע מוז מען געהען אין די אלטע. און היות די אלטע בעקעשע איז צעריסען, מוז מען מאכען לאטעס. און די אגודה האט טאקע געמאכט א פאר לאטעס און דוקא נישט פון דעמזעלבען מין סחורה. זי האט געמאכט בלאקען מיט יחזקאל פאסטראנג און יהושע עהרליך. מיט חיים אבערדאם — נישט. ער איז נישט קיין כשר'ער ארטאדאקס...

די אגודה שרייט, אז וואלף געצלער מיט די ציונים ווילען די תורה און דת עוקר מן השורש זיין און די אגודה מיט יהושע עהרליך געהען זי ראטעווען.

לעכערליך און קאמיש.

די אגודה האט זיך געברענגט צו הילף א "רב", וועלכער איז א ספעץ פאר טארנער וואהלען. ער האט שוין אמאל געפירט אין טארנע וואהלען. נאר דעמאלט איז ער נאך נישט געוועזן קיין "רב", נאר געהאט א קליין בערדעל מיט קורצע פאות און א גזשיווקעלע און אין פרייע שעה'ען האט ער אויך עוסק געוועזן אין ענינים פון עולם הזה. היינט איז ער שוין רב. דער דאזיגער רב האט געפסקנט, אז שטימען אויף דער אגודה און געגען די "פרייע" איז וויכטיגער ווי צו גיין צו כל נדרי. באמת א וואוילער רב, ער קאן זעהר גוט פסקענען. אבער צי ביי אזא מין פסק'ענען קאן נאך עמיצער גלויבען, אז די אגודה האנדעלט זיך וועגען תורה און דת. זיכער נישט.

דער לאנגיעריגער גבאי איז טעמפעל

הוטער באהויפטעט, אז זיין צוגעהעריקייט צו פ. פ. ס. שטייט גארנישט אין סתירה מיט זיין יודישקייט און אז ער איז א גוטער יוד. אלס באוויז גיבט ער אן, אז במשך פון לאנגע יאהרען איז ער א גבאי אין טעמפעל. באמת א גוטער באוויז...

הוטער האט עפיס נישט קיין מזל ביי די איצטיגע וואהלען. אלעס געהט איהם קאפויר. פון אלע זייטען רייסט מען פון איהם שטיקער. דער בונד האט זיך אויף איהם פארלייגט. א טייל בעלי מלאכות קאנדידירען אויף אנדערע ליסטעס און אין "יד חרוצים" אליין האט ער אויך א אפאזיציע. עס געהט איהם עפיס נישט ביי די איצטיגע וואהלען, כאטש פון דער אנדערער זייט איז דעם ה' הוטערס ליסטע זעהר פאָפולער צווישען די ארבייטער ספערען.

דער פארשטערטער שלום-בית

דער שלום-בית אין פועלי-ציוניסטישען בלאק איז פארשטערט געווארען פון ערשטען מאמענט אן. דער גאנצער בלאק איז — זעהט אויס — געווען א פעהלגעבורט. לעצטענס איז ווידער געקומען צו א אינצידענט צווישען די פארטנערס מכוח די פראגראמאטישע פלאטפארם צו די וואהלען. די רעכטע פועלי ציון האט פארלאנגט נאציאנאלע אויפלעבונג און א נאציאנאלע היים אין ארץ ישראל און די לינקע פועלי ציון האט פארלאנגט נאר א ארבעטער-צענטער אין ארץ ישראל. דער סוף איז געווען, אז געבליבען איז ביי א ארבעטער צענטער און פון דער נאציאנאלער היים האט מען רעזיגנירט...

א בילינע רפואה

קאפיטאליזם, פאשיזם, אנטיציוניזם, רעאקציע — דאס זענען די בונדיסטישע קאמפס-לאזונגען אין דער איצטיגער וואהל-אקציע צו דער קהלה. אויף די אלע "חולאת'ן" האט דער "בונד" נאר איין רפואה — שטימען אויפן "בונד". אויב דער "בונד" וועט זיגען ביי די איצטיגע וואהלען וועט זיין א גן-עדן אויף דער וועלט און די אלע חולאת'ן וועלען פארשווינדען ווערען. באמת א ביליגע רפואה...

ח"ה

1 **יודען! וועהלער!** 1

העלפט צו פארטרייבען פון דער יודישער גאס די אגודה קליקע!
דערלויבט נישט, אז צו דער מאכט אין דער קהלה זאלען
קומען קאמפראמיטירטע יחידים! שטימט פאר דער ליסטע נר. 1

נאך זעקס יאהר...

נאך זעקס-יעריגער שעדליכער קאמיסארען ווירטשאפט אין דער קהלה, וועלען מיר זונטאג דעם 6 סעפטעמבער האבען די מעגליכקייט צו וועהלען א קהלה-פארוואלטונג, וועלכע וועט זיך שטיצען אויפן פארטרויען פון דער גאנצער יודישער באפעלקערונג און וועלכע וועט פאר דער דאזיגער באפעלקערונג זיין פאראנטווארטליך פאר אירע מעשים. דער קאמף ארום דער קהלה אין טארנע געפינט זיך ענדליך אין א דעצידירענדען שטאדיום און וועגען דעם אויסגאנג פון דעם קאמף וועט דעצידירען נישט קיינער נאר דער וועהלער.

זעקס יאר זענען שוין פאריבער זייט מען האט די געוועהלטע פארוואלטונג אויפגעלעזט. פארשידענע אינטריגאנטען, מוסרים, קאריערע-זוכער האבען נישט געקאנט ליידען, אז אין דער קהלה האט געהערשט ארדנונג. מיט אלע כוחות האבען זיי זיך געשטיפט צום זשלויב און מיט פארשידענע מיטלען האבען זיי אויסגעפועלט, אז מען האט די לעגאל געוועהלטע קהלה אויפגעלעזט און די ממשלה אין דער קהלה האט מען זיי איבערגעגעבען.

און זיי האבען טאקע געפיהרט די ממשלה אין דער קהלה ביד רמה. געריסען פון אלע זייטען. רבנים, דיינים, מגידים, שוחטים און סתם פאסטענס, ווי אויך פעטע סובווענציעס פאר אייגענע אינסטיטוציעס, אפטמאל גאנץ פיקטיווע און ווען עס האט שוין אויסגעפעהלט פירמעס פאר געלד נעמען, האט מען געשאפען א נייע פירמע N. N. – מיט איין ווארט, מען האט געמאלקען די קהלה-קיה וויפיל עס האט זיך נאר געלאזט. און היות א יעדער פון די „שטאט-באשיינער" מיט די יראת-שמים אויגען האט געוואלט ארויסבאקומען וואס מעהר – האבען זיי זיך ביים פארטיילען גאנץ אפט גוט צעקריגט און געלאפען צום פריץ זיך באקלאגען. איינער האט געגען צווייטען אינטריגירט, ווילענדיג ארייכאפען די גאנצע ממשלה. אין ווייל דער אפעטיט פון די דאזיגע אדונים איז געוואקסען פון טאג צו טאג – איז אלץ וואס זיי האבען געהאט ווייניג געווען.

און היות קאמיסארען זענען נאר אבהענגיג פונם חסד פון פריץ און היות דאס דאזיגע חסד איז אבהענגיג תמיד פון פארשידענע גינסטיגע אדער אונגינסטיגע קאניונקטורען – דערפאר האבען זיך די קהלה-קאמיסארען זעהר אפט געענדערט, אזוי ווי בילדער אויף דער פילם-טאשמע. צוערשט איז געקומען דאס קאמיסאריאט פון דר. זילביגער, וועלכער האט זיך בארימט געמאכט מיט זיין קרוציאטע געגען אלעם וואס האט געשמעקט מיט ציוניזם ועל כולם מיט זיינע N. N. פאזיציעס. דערנאך איז דר. קליין, דער באשיינער און באשיצער פון דער אגודה, געווארען דער שטאט-פארזארגער. דערנאך איז דורך א קורצער צייט געוועזען קאמיסאר דר. באזלער, וועלכען מען האט ארויסגעביסען נאך א קורצער צייט, ווייל ערליכע און אונפארטייאישע ווירטשאפט איז פאר זיי פשוט סם, וועלכען זיי האבען נישט געקאנט פארדייען קיין לענגערע צייט. עס קומען ווייטער קאמיסאריאטען פון ר' חיים אבערדאם, וועלכער האט דורכגעפירט וואהלען, נאר היות די ציוניסטען האבען אויך ביי די וואהלען געזיגט, האט זיך די געוועהלטע פארוואלטונג נישט געקאנט קאנסטיטואירען. עס איז דאן געקומען דאס קאמיסאריאט פון דר. אפנער און איצט ווידער דאס קאמיסאריאט פון דר. באזלער, וועלכער פירט איצט אדורך ערליכע און כשרע וואהלען.

איצט שטייען מיר פאר דעם שלוס-אקט. איינמאל פאר אלעמאל וועט פארענדיגט ווערען די קאמיסארען-ממשלה, וועלכע האט חרוב געמאכט די קהלה. דען א חוץ דעם וואס די ערשטע קאמיסאריאטען האבען געפירט א רויב-ווירטשאפט, פארשוועדעט געלד אויף פארטיי און גרופען צוועקען, אויף באלוינונגען פאר „פארדינטע", „אנשי שלומנו" און א חוץ דעם וואס די ערשטע קאמיסאריאטען האבען פארוואנדעלט די קהלה אין טארנע פאר א אייגענעם פאלווארק, פון וועלכען מען האט געצאפט וויפיל מען האט געקאנט – קאן נישט קיין פראוויזארישע פארוואלטונג, וואס געפינט זיך תמיד אין א אונזיכערען צושטאנד, אויף וועלכער עס הענגט תמיד א דאמאקלעס שווערט – נישט ערפילען די אויפגאבען, וועלכע עס לאסטען אויף א יודישע קהלה אין די היינטיגע שווערע צייטען.

די קהלה אויב זי וויל פיהרען א פלאנמעסיגע, אויף ברייטע יסודות באגרינדעטע ארבייט, מוז פיהרען א נארמאל לעבען, אהן קריזיסען און ערשיטערונגען.

איצט וועט די קהלה באקומען אט די געזונטע יסודות פאר ווייטערער ארבייט.

מיר ציוניסטען גייען מוטיג אין וואהל-קאמף. די גרויסע וועהלער-מאסען האבען שוין אייניגע מאל באוויזען, אז זיי שטייען אין אונזער לאגער, אז זייער פארטרויען צו אונזער פראגראם און אונזערע פיהרער איז שטארק און אונערשיטערט. די יודישע באפעלקערונג ווייסט, אז די ציוניסטען ארבייטען מיט מסירות נפש לטובת הכלל, פאר אלע, אהן אונטערשיד פון קלאסען-צוגעהעריקייט און בערוף. און לטובת וועמען ארבייטען אונזערע געגנער, האט די באפעלקערונג זיך געקענט איבערצייגען אין משך פון די לעצטע 6 יאהר, ווען זיי אליין האבען געפירט די ממשלה אין דער קהלה. נאר כבודים און פריוואטע אינטערעסען האבען זיי אין זין. אונטער דער מאסקע פון תורה און יראה, אונטער דער מאסקע פון דת און פרומקייט זוכען זיי נאר פריוואטע נוצען.

די אלע גאטס - קאזאקען וועלען אויך איצט קומען צו די וועהלער און שטורמען, אז מען מוז ראטעווען די תורה, וואס איז מכלומרשט אין געפאהר מצד די פרייע ציוניסטען. די וועהלער אבער דארפען וויסען, אז דאס אלעס איז נישט מעהר ווי צביעות און שקר, אז זיי מיינען נאר בענקלעך און פריוואטע אינטערעסען.

אין דער אמתן דראהט נישט קיין שום געפאהר דער תורה און דת. דאס ווייסען זעהר גוט די אלע „ארטאדאקסישע" טוערס און די אמתע פרומע יודען לאכען און שפאטען אויס די צבוע'קעס און זענען עמפערט אויף די „עסקנים" וואס מאכען אויס דער תורה א ענין פון פאליטיק און האנדעל.

די טארנער יודישע באפעלקערונג האט ביי יעדע געלעגענהייט ארויסגעוויזען, אז זי איז פאליטיש רייף, אז מען קען איהר נישט פארבלענדען די אויגען מיט פראסטע בבא-מעשיות, תמיד האט זי ארויסגעוויזען אונבאגרענצטען פארטרויען פאר די יודיש-נאציאנאלע פאהן און די ציוניסטישע פיהרער.

מיר גלויבען און האפען, אז אויך ביי די איצטיגע וואהלען וועלען אונזערע טרייע וועהלער אונז פיהרען צום נצחון איבער פעררעט און פאלשקייט און אלע וועלען שטימען אויף דער ליסטע פון ציוניסטישען בלאק נר. 1

מ"ן

דער „רב" האט געפסק'נט...

די אגודה אין טארנע איז ארייגעפאלען און יאוש. זיי האבען מורא פאר דעם טאג פון די וואהלען. זיי האבען מורא אז דער טאג פון די וואהלען, וועט ענדליך ארויסווייזען מיט ציפערן אז זיי האבען נישט קיין שום השפעה און קיין שום אנהענגער צווישען דער ארטאדאקסיע אין טארנע, אז די אגודה איז נישט מעהר ווי א קליין הייפעלע שרייערס, וואס זוכען בענקלעך. דערפאר רייסט זי ממש איין וועלטען, בכדי זיך צו ראטעווען פון פאליטישען גענצליכען אונטערגאנג אין טארנע.

די אגודה שרייערס בענוצען זיך מיט כל מיני מיטלען און מאביליזירען אלע כוחות בכדי ארויסצונארען פון דער יודישער ארטאדאקסיע די שטימען. זיי האבען זיך ארויפגעזעצט אויפן רעליגיעזן פערדל אויף וועלכען זיי ווילען ארייגרייטען אין דער קהלה שטוב אריין.

צו ארויסהילף האבען זיי זיך געברענגט א „רב" וועלכער האט אויף א פערזאמלונג פון חסידים צוזאמענגערעד אזויפיל נארישקייטען, אז די פאר מנינים יודען וואס זענען דארט געוועזען האבען פשוט חוזק געמאכט אויס דעם „רב" און זיינע דבורים.

מילא נארישקייטען – וואלט שוין געוועזען א קלייניקייט. מיר זענען שוין דאצו געוואהנט. קיין גרויס חכמות האבען מיר איבערהויפט נישט דערווארט פון די דאזיגע אגודה פארזארגעס. יעדער גיבט דאס וואס ער האט... אבער דער דאזיגער אגודה רב האט זיך דערלויבט אויף א אונערהערטען חלול הקודש, וועלכען מען מוז עפענטליך צוריקווייזען און דעמאסקירען. ער האט נעמליך געזאגט, אז

געהען שטימען געגען די „פרייע" און פאר דער אגודה איז וויכטיגער ווי צו געהען צו כל נדרי.

א אונערהערטע חוצפה, א אונערהערטער חלול הקודש! א קהלה בענקעל פאר א אגודה-פארזארגער איז וויכטיגער ווי כל נדרי.

א חרפה און א שאנד!

ווי קאן מען נעמען איינס פון די גרעסטע רעליגיעזע הייליגטימער און בעשמוצען אין ברודיגען וואהל-קאמף און נאך דערצו א מענש וואס רופט זיך רב.

פון דעם דרינגט שוין בולט ארויס דאס וואס מיר באהויפטען תמיד, אז די אגודה האנדעלט זיך גאר נישט וועגען תורה און דת נאר וועגען בענקלעך און כבודים און ביי א געלעגענהייט אויך פריוואטע און פארטיי-אינטערעסען. תורה און דת איז נישט מעהר ווי א פאראוואן אונטער וועלכען זיי פארדעקען זיך, נישט מעהר ווי א מיטעל צום ציעל – א מיטעל מיט וועלכען זיי ווילען פארבלענדען די אויגען – א באוויין: זיי שטעלען העכער זייערס א קהלה בענקעל ווי כל נדרי.

דערפאר מוזען אלע רעליגיעזע יודען שרייען פעסט און הויך: אוועק פון אונזער הייליגער תורה און דת, בעשמוצט נישט אונזערע הייליגטימער איז אייער האמה פאר בענקלעך. מיר האבען אייך גוט און ווייסען, אז פרומקייט ליגט אייך נישט אפילו איז דער לינקער פאה, אז אייך האנדעלט זיך נאר וועגען פשוטע גאנץ געוועהנליכע אינטערעסען.

אלע רעליגיעזע יודען דארפען אין טאג פון די וואהלען שטימען נאר אויף דער ליסטע פון ציוניסטישען בלאק נר. 1 מיט ר' וואלף געצלער בראש. די דאזיגע ליסטע גיבט א גוואראנציע פאר עהרליכע און ראציאנעלע ווירטשאפט אין דער קהלה. די דאזיגע ליסטע פערזיכערט, אז אלע רעליגיעזע באדערפעניששען פון דער יודישער באפעלקערונג וועלען באפרידיגט ווערען גלייך ווי אלע באדערפענישען פון סאציאלען און קולטורעלען כאראקטער. די דאזיגע ליסטע ליציטירט זיך נישט מיט תורה און דת, ווייל רעליגיעזע הייליקייט טאר מען נישט מישען אין פאליטישען קאמף און טאר נישט זיין קיין מיטעל פאר דערלאבערען פאליטישען איינפלוס און בענקלעך.

דערפאר שטימען אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע יודען אויף ליסטע Nr. 1.

די פלענער פון דער אגודה

נעבעך די תורה און דת. די אגודה האט זי גענומען אין דער ארבעט אריין און רייסט פון איהר שטיקער אהן רחמנות. אויף א אגודה פארזאמלונג האט איינער פון די רעדנער, א ספעץ פאר חנוך עניינים (ער האט א אייגען חדר און וויל, אז עס זאל גוט פראספערירען) ווידער געהאט טענות צום ציוניסטישען חנוך, דערציילענדיג נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע בבא-מעשיות, מיט וועלכע עס איז אפילו נישט כדאי צו פאלעמיזירען. דער דאזיגער רעדנער האט אויך דערציילט גראבע שקרים פון דער ציוניסטישער ווירטשאפט אין קהל און דערביי געלויבט דעם דר. זילביגער מיט די N. N. פאזיציעס, ווי אויך דר קליין מיט זיין ווירטשאפט.

וועגען די נארישקייטען און שקרים לוינט זיך אפילו נישט צו פארלירען ווערטער. א יעדער ווייסט שוין גאנץ גוט וואס פאר א ווירטשאפט האבען געפירט די ציוניסטען און ווי אזוי עס האט אויסגעזעהען די ווירטשאפט פון דר. זילביגער און דר. קליין.

מיר ווילען נאר ווארענען די יודישע באפעלקערונג געגען דער געפאהר וואס דראהט די טארנער קהלה אויב די אגודה וועט דארט באקומען א איינפלוס. די אגודה צוזאמען מיט ר' יהושע עהרליך און יחזקאל פאסטראנג ווילען נעמליך צוריק ארייגפיהרען אין דער קהלה אריין דעם דר. קליין אלס ראש הקהל און משה רובין מאכען פאר טארנער רב.

געגען דעם מוז די גאנצע יודישע באפעלקערונג זיך ווערען מיט כל הכוחות. מיר טארען צו דעם שקאנדאל נישט צולאזען. קיין איין שטימע טאר דערפאר נישט פאלען אויף דער ליסטע פון דער אגודה, יחזקאל פאסטראנג און יהושע עהרליך.

אלע ווי איין מאן דארפען אינם טאג פון די וואהלען שטימען אויף דער ליסטע פון ציוניסטישען בלאק נר. 1

Wydawca i odpowiedzialny redaktor Chaim Friedman

Drukiem I. Engelberga w Tarnowie